## **ייִדיש מיט שמואלן**

**שמואל: איצט בין איך דער לערער אויף ייִדיש. איך זאָג אײַך וואָס איר זאָלט טאָן.**

**אינאַ און נוח: גוט. הייב אָן!**

**שמואל: אינאַ, גיי צום פֿענצטער!**

**שמואל: עפֿן דעם פֿענצטער און קוק אַרויס!**

**שמואל: גוט! פֿאַרמאַך דעם פֿענצטער!**

**שמואל: נוח, גיי צו דער טיר!**

**שמואל: נוח, עפֿן די טיר און גיי אַרויס!**

**שמואל: נוח, קום אַרײַן און פֿאַרמאַך די טיר!**

**שמואל: אינאַ, קום צו מיר און שטעל זיך אויף איין פֿוס!**

**שמואל: גוט. זעץ זיך אויף אַ שטול!**

**שמואל: אינאַ, שטיי אויף און שפּרינג!**

**שמואל: ניין, ניין! דאָס הייסט נישט שפּרינגען. קוק אויף מיר! איך שפּרינג.**

**שמואל: שפּרינג דרײַ מאָל!**

**שמואל: אינאַ און נוח, לויפֿט אַרום דעם צימער!**

**שמואל: איך לויף אויך.**

**אַלע: זײַ געזונט!**